קונטרס

זעקת שוד ושבר

אוי להם לבריות מעלבונה של תורה /אבות פ"ו/

א

די אומפארשעמטע צביעות'דיגקייט פון דעם וויליאמסבורגער בלעטעל "דער איד"

וועלכער דרשנ'ט פון איין זייט עקסטרעמע קנאות, און פון דער צווייטער זייט פארשפרייט ער ציונות, דורך לערנען ישיבה בחורים און תינוקות של בית רבן די טמא'נע העברעאישע שפראכע.

ב,

מרידה אין דעם דעת תורה פון גדולי ישראל, דורך פארעפענטליכען דברי תורה אין זייער בלעטעל, וואס איז גע'אסר'ט געווארען פון גדולי התורה.

ג.

אויסצוגען פון ספר הקדוש "ויואל משה" וואס ער שרייבט אין דעם ענין פון לערנען העברעאיש.

אשר חנן ד' את עבדו

ה"ק עמרם פריד

לע"נ זקיני הרה"ח מוה"ר

יוסף בן משה שנהרג ונשרף

עקה"ש, הי"ד.

יוצא לאור ע"י תלמידי כ"ק מרן הגאוה"ק מסאטמאר שליט"א, ההולכים בשיטתו הבהירה והאמיתיה.

ברוקלין נ.י.

תשל"ו

תשל"ו

הוצאה שניה

כסלו שנת תשמ"ו

א

דער קנאות'דיגער "איד" פארשפרייט העברעאיש צווישען תלמידי הישיבה און תלמוד תורה קינדער.

אין דעם "ליטעראַדישען" פיטשור אין דעם "איד" רעדאגירט פון אגוויסען א. לוריא, וועט איר געפונען יעדע וואך א "קעסטעל רעטעניש" /חידת תשבץ/ ארויס—גענומען פון די ציוניסטישע אפיקורס'ישע צייטונגען, וועלכעס איז פול מיט די מאדערנסטע העברעאיזמען, און דער וועלכער איז נישט באהאווענט אין דער דאזיגער טמא'נעד שפראכע, איז אים נישט מעגליך פותר צו זיין די דאזיגע חידות.

גלייכצייטיג מוז באמערקט ווערען, אז דער רעדאקטאר האט פארעפענטליכט אין דעם "איד" אז דער קאלום ווערט צוגעגרייט דוקא פאר ישיבה בחורים און תלמוד תורה אינגלעך כדי "שארפען זייערע תורה קעפלעך" מיט דעם דאזיגען טמא'נעם "חריפות" מ'שטיינס געזאגט.

איצט ווען א ישיבה בחור אדער א חדר אינגעל וויל זיך פארגעסען צו פארענפערן די רעטעניש, מוז ער פארברענגען א שיינע עטליכע שעה'ן און זיך ברעכען דעם קאפ פותר חלום צו זיין די שווערע אומבאקאנטע העברעאיזמען פון דער חידה, אין שייכות מיט דעם, דארף מען דערמאנען וואס האט פאסירט באלד נאך פסח אין א היגער ישיבה, נעמליך, דער משגיח האט געטראפען א ישיבה בחור — דוקא א חסיד'ישער וויליאמסבורגער בחור — מיט א העברעאישען "מילון" ווערטערבוך, און זיך פארטיפט דערין, ווען ער האט אים געפרעגט וואס ער זוכט אין דעם מלון, האט ער ארויסגענומען די ערב פסח נומער פון דעם איד און אים געצייגט די "קעסטעל רעטעניש" און אים אויך געפרעגט אדרבה זאגט מיר וואס מיינען די ווערטער "יך","תיעמד", "כלי המש", "פל", "ורד", "נרגן", "הממריא" דער משגיח איז געבליבען ממש דעפלעפט, ער האט זיך נישט געגלייבט די אויגען אז א "קנאות' דיגע" צייטונג זאל לערנען חסיד'ישע ישיבה בחורים די טמא'נע העברעאישע שפראכע, וואס לפי שיטת כ"ק מרן הגאוה"ק שליט"א אין זיין ספר "ויואל משה" איז עס מטמא די נשמה און דעם גוף ר"ל, און מיט דעם טומאה שטאפט מען אן די קעפ פון אונזער טייערע ישיבה יוגענד, שומו שמים!

כ"ק אדמו"ר שליט"א האט אמאל געזאגט עפענטליך אין א דרשה אז "ענדערש זאל מען זיך ביקען טויזענט מאל פאר דעם צלם, ווי צו רעדען איין ווארט עברית".

דעריבער ווענדען מיר זיך צו יעדען איינעם, וועמען מ'איז טייער דברות קדשו של כ"ק מרן שליט"א, און וועלכער וויל נישט אז זיינע קינדערס נשמות זאלען ח"ו פאר'סמ'ט ווערען פון דעם דאזיגער טומאה ר"ל, נישט אריין לאזען דאס כפירה'דיגע בלעטעל אין זיין הויז, ובודאי נישט העלפען דאס בלעטעל מיט מודעות ודמי החתימה, ער זאל ח"ו נישט זיין בכלל מסייע לידי עוברי עבירה ר"ל, און מיר ווארענען אויך די פארקויפערס און פארשפרייטערס פון דעם "איד" נישט אריין נעמען די העברעאיש טומאה אויף זייערע צייטונג סטענדס, און העלפען מיט דעם אויס שמד'ען אונזערע טייערע קינדער שיחי' און אנפולען זייערע תורה קעפלעך מיט כפירה, מינות ואפיקורסות, און דער וואס וועט וויטער איינגיין מיט דעם פארקויף דער וועט האבען דעם זעלבען סוף ווי די פארקויפער פון דעם טמא'נעם "אלגעמיינער זשורנאל, ואין עונשין אלא אם כן מזהירין.....

און אפילו ווען דער "איד" זאל מבאר זיין פון זיינע זייטען דעם טמא'נעם קוץ פון מינות, איז א איסור גמור אים צו לייענען, ובפרט בני תורה, ווייל ער איז פול מיט פאליטישע ארטיקלען, און לאנג פארגעסעגע היסטארישע שטותים, און ווי קענט איר נעמען אויף זיך דעם איסור חמור פון ביטול תורה, צו פארברענגען לאנגע שעות צו לייענען די דאזיגע שקרים און אין בעסטען פאל די שטותים והבלים, ארויסגענומענען פון דער גוי'אישער און ציוניסטישער פרייע פרעסע, און ס'איז באקאנט אז גדולי ישראל האבען נישט געלאזט ישיבה בחורים לייענען קיינע צייטונגען אפילו די חרד'ישע, כדי זיי נישט ברענגען לידי ביטול תורה, און דא פאר אונזערע אויגען קומט א רעדאקטער פון א "קנאות'דיגער" צייטונג און רעדאגירט דעם "חכמה" רובריק פאר ישיבה בחורים און תלמוד תורה קינדער, כדי צו "שארפאען" זייערע קעפלעך מיט "זיין" חכמה, ווי ער וואלט שוין נישט געהאט מיט וואס זיך "שארפען" זיין קאפ, נור דורך דעם קאלום פון "איד" ...און ווי מיינט איר וועט ער זיך דען שוין אפשטעלען ביי דעם איינעם פיטשור פון דעם בלעטעל, און וועט זיך נישט נעמען לייענען ווייטער די אנדערע ארטיקלען, און וועט ארויס קומען פון דער צייטונג מיט א מיט כפירה און מינות אנגעשטאפטען קאפ...

דעריבער ווארענען מיר דעם חרד'ישען עולם וועלכער גייט נאך בדרך רבותינו הק' ובפרט בשיטת כ"ק מרן שליט"א, און ביי וועלכע עס איז טייער די ריינע נשמות פון תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, זאלען מקיים זיין די מצוה פון "ובערת הרע מקרבך" און זיך היטען פון דעם דאזיגען בלעטעל, וואס פאר'סמ'ט די מוחות פון אונזערע טייערע קינדער שיחי', און אזוי ווי ער וועט עס באקומען צוגעשיקט זאל מען עס דן זיין לשריפה, ווי א ספר מינות.

מיר ווארענען אויך די עלטערן פון די קינדער און ישיבה בחורים, וועמענס נעמען עס וועלען זיין פארעפענטליכט אלס "פארענפערערס" פון די חידות, אז עס וועט גענומען ווערען שטארקע שריט און שארפע מאסמיטלען, געגען זיי, אזוי דאס מיר נעמען נישט קיין אחריות פאר זייער זיכערקייט ווי אויך פין די וועלכע וועלען אדווערטייזען זייערע ביזנעס אין זייערע סחורות אין דיעם "איד" וד"ל....

ב.

די צווייטע זאך איבער וואס מיר מוזען זיך אפשטעלען, איז דאס אפענע פון דעם "איד" וואס ער פארעפענטליכט דברי תורה אין דעם דערמאנטען קאלום, אין דעם פארעם פון שיחות קודש פון צדיקים, ווי אויך שאלות ותשובות להלכה, איז ערשטענס, ווער האט דעם "איד" און זיינע שרייבערס מסמיך געווען צו פסק'נען שאלות, ווי עס טוט דער "זשאויזש פרעסס" אין ענגלישער שפראכע, להלכה ולמעשה, צווייטענס, ווער האט אים מתיר געווען דעם איסור חמור — ווי מיר וועלען דאס ווייטער מברר זיין — פון דרוקען דברי תורה אין א צייטונג, און ברענגען דברי תורה לידי בזיון, ווען מען ווארפט אים ארויס אין מיסט קאסטען נאך דעם וואס מען האט אים אויסגעלייענט, און מען לייענט עס אין מקומות צואים, און מען באניצט דאס פאפיר צו זאבען וואס איז זיכער א בזיון לדברי תורה.

ר־29

מיט עטליכע יאר צוריק האבען מיר געלייענט א מחאה פון א באוואוסטען רב אין דעם "איד" וועגען דעם ענין, וואס ער האט געדרוקט א תורה קאלום אויף דער פרשת השבוע און פילע רבנים גדולי תורה שליט"א, האבען מיט אים מסכים געווען, און האבען מתרה געווען דעם "איד" אפצושטעלען דאס דרוקען דברי תורה אויף זיינע זייטען, אזוי אז ער האט עס געמוזט אפשטעלען, און פלוצים, איז ער געווארען א חזר לסורו, און נישט נאר וואס ער איז א מורד אין דעם דעת תורה פון פילע גדולי ישראל פון פריריגע דורות זי"ע, און יבל"ח גדולי דורינו שליט"א, איז ער נאך געווארען א פוסק אחרון, און נעמט זיך פסק'נען שאלות אין הארבע ענינים, אזוי אז היינט האבען מיר נישט נאר צוויי "פוסקים" אין אונזער שטאט, דער "זשואיזש פרעסס" אין ענגליש און דער "איד" אין אידיש — העברעאיש, אוי לנו שכך עלתה בימינו...

לאמיר זעהן וואס גדולי ישראל האבען וועגען דעם געשריבען.

בס' שדה חמד /פאת השדה כללים מערכה כ' כלל י"ב/כ' באותיות גדולות /בשד"ח שנדפסו מחדש בשם שד"ח "השלם" נשמטו כמה דפים מהדפוסים הקודמים משגיאת המדפיסים או מאיזה טעם אחר.../וז"ל, כתבי קדש היינו שאלות ותשובות וחי' תורה נהגו מקרוב להדפיס בתוך מכתבי העתיק, הנה נדפס עתה /תרס"ג/ ס' הגיון לב עברי, לרב זקן מופלג בתורה ויראה ידידי מוה"ר אפרים אלי' ליפשיץ, דומ"ץ בעיר פעדומיא יצ"ו, שכ' הוכחה מגולה ע"ז /בדף יו"ד ע"ד/ ואלה דבריו, פה מצאתי מקדם אתה להוכיח במישור לכל הרבנים וגדולי עמינו, המביאים ומכניסים במכתבי עתים היומיים את שאלותיהם ומאמריהם הנכבדים, יקרי ערך, קדושת יהדותינו, האם לא ידעתם רבותי את מנהגי הקוראים במכתבי עתים האלו, איך אחר קריאתם בגליוניהם ישתמשו בהם בכל מיני בזיון וקצף, מושלכים ונעזבים לאשפה ולכל מקומות מטונפים

שאסור אף להרהר בהם כל דבר שבקדושה, או נמכרים ונמסרים להעטיף בהם בשר חזיר או ד"א, עון פלילי הוא לכם רבותי וכו'.

אין אידשער איבערזעצונג:

היילגיע שריפטען, ווי שאלות ותשובות און חידושי תורה, איז לעצטענס איינגעפירט געווארען צו דרוקען אין ד צייטונגען, איצט/אין יאר תרס"ג/ איז געדרוקט געווארען דאס ספר "הגיון לב עברי" פון א אלטען רב, א מופלג אין תורה ויראה[מיין ידיד מוה"ר אפרים אלי ליפשיץ, דיין און מו"צ אין דער שטאט פערוסיא, וועלכער האט געשריבען א תוכחה מגולה וועגען דעם דאזיגען ענין, וז"ל, דא אויף דעם פלאץ האב איך געפוגען פאר נויטיג מוכיח צו זיין די אלע רבנים און גדולים וועלכע ברעגנען אריין אין די צייטונגען און זשורנאלען זייערע שאלות,און זייערע חשוב'ע מאמרי תורה, וועלכע זענען די קדושה פון אונזער אידישקייט, וויסט איר דען נישט רבותי, וויאזוי מען איז זיך נוהג מיט די דאזיגע צייטונגען אז נאך דעם וואס מען האט זיי אויסגעלייענט, איז מען זיך מיט זיי משתמש מיט אלע מיני בזיונות, מען ווארפט זיי אין מיסט, און אלע שמוציגע מקומות, וואו ס'איז אסור אפילו צו טראכטען אין דברי תורה, אבער מען פארקויפט זיי צו שפייז פארקויפערס, און מען פארפאקט אין זיי בשר חזיר וכדומה, דאס איז א עון פלילי רבותי וכו'.

בתשו' מנחה הקומץ /להגאבד"ק סיבלאנאוו ז"ל/ או"ח סי' י"ב כ' ג"כ להחמיר בזה מכמה טעמים. זאגט ער אויך מחמיר צו זיין בא דעם מכמה טעמים.

בתשו' זקן אהרן להגאון מפלודסק הי"ד/ ח"ב סי' ע' צעק ככרוכיא על הפירצה הנוראה דכולהו איתניי' בה, איסור מחיקת השם ואיבוד השם ר"ל עיי"ש.

בתשו' לב יהודה /להגאון אבד"ק קישענעוו הי"ד/ סי' ס"ד העלה דאף אם אין בהם אזכרות רק קיצורים וכינויין ג"כ אסור להדפיס בעיתונים שבאים אח"כ לידי בזיון.

ס' ירושת פליטה סי' כ"ט בשם הגאבד"ק סענטפעטעד הי"ד שאפי' בלשון הגר אסור לכ' ד"ת בעיכובים וכש"כ באידיש או בעברית, וחובה לערער ע"ז עיי"ש.

בתשו' שם הכהן /להגאון מהר"ש הכהן האללענדער ז"ל דומ"ץ דק"ק טשערנאוויץ ז"ל/ סי' ג' העיד שהגאון מהר"ם זעמבא הי"ד מווארשא מנע את העיתונים של החרדים בווארשא שלא להדפיס בהם ד"ת מכמה טעמים חמורים.

ס' שו"ת מנחת יצחק /להגאון ראבד"ק מקודם בירושת"ו שליט"א/ ח"א סי' י"ח כי ד"ת כבתי קדש יש להן אף אם נכתבו בלשון המדינה, לא מהני כונתם של העורכים ללמד מהם מוסר, ות"ו להקל.

ספר שו"ת דברי שלו' / להאבד"ק אדוואדי שליט"א/ ח"א סי' ג' וח"ב סי' ס"ד שהזהיר ע"ז, כי איסור גמור הוא להביא ד"ת לידי בזיון עיי"ש.

וזה איזה שנים העיר ע"ז רב מפורסם אחד בתוכחה מגולה על עמודי ה'איד', וכמה מגדולי הרבנים שבזמנינו שליט"א הודו לדבריו, ומחו ע"ז, והעורך הוכרח לשוב מדרכו הרעה, וזה איזה זמן ששב אל קיאו, מבלי להתחשב עם דעתם של רבנים מפורסמים /שאיננו יכול לפרסם שמותם בלי רשותם/ ועומד במרדו להדפיס ד"ת בסדור ה"חכמה" שלו, באופן, שכעת נמצאים בניו יארק רק שני עיתונים שמביאים ד"ת /שאלות ותשובות, קושיות ותירוצים וכדומה/ על עמודיהם היינו ה"זשואיזש פרעס" באנגלית, וה"איד" באידיש, ודי בזיון וקצף....

ג

איניגע אויסצוגען פון דעם סה"ק "ויואל משה" וואס כ"ק מרן הגאוה"ק רשכבה"ג מסאטמאר שליט"א שרייבט וועגען דער טמא'נער העברעאישער שפראך.

כ"ק מרן שליט"א האט געשריבען אין זיין הייליגען ספר "ויואל משה" א גאנצען פרק אונטער דעם נאמען "מאמר לשון הקודש" וואו ער איז מברר באריכות דעם געוואלדיגען איסור צו לערנען העברעאיש, און מיר וועלען ציטירען אייניגע ענינים מדברי קדשו, וואס ער שרייבט וועגען דעם גודל האיסור.

אין אות כ"ב שרייבט ער, וזלה"ק, אבל בדורינו בעוה"ר וכו' אבער אין אונזער דור בעוונותינו הרבים איז מען מסית ומדיח בלה"ק, און אויך איז זייער טמא'נע לשון אויסגעמישט מיט פילע ווערטער פון פרעמדע לשונות און אויסגעטראכטע פון די מינים, וועלכע זענען בכלל נישט קיין לה"ק, אבער דער ס"מ און זיינע חיילות וועלכע זיי פירען זיי — די מינים — ווייסען וויפיל איבער צו לאזען ביי זיי פון לה"ק, באופן זיי זאלען האבען אחיזה אין די כחות הטומאה אזוי ווי עס איז געווען ביי דעם דור הפלגה וכו'.

הערה: זעה די אויסגעטראכטע ווערטער פון די מינים ואפיקורסים, אין דעם דערמאנטען קעסטעל רעטעניש.

אין אות כ"ג שרייבט ער, וזלה"ק, ותם לבי בקרבי וכו', און מיין הארץ קאכט אין מיר אז אויך שומרי תו"מ און תלמידי חכמים פילען נישט דעם חומר האיסור, וואס איז שרעקליך, אז זיי לאזען לערנען זייערע קינדער אין זייערע שולען זייער טמאנעם לשון וואס זיי רופען עברית, וואס נישט נאר עס האט דעם דין פון ספר שכתבו מין, וואס מען דארף עם פארברענען צוזאמען מיט אשכרות, און דער רמב"ם זאגט דעם טעם, כדי נידם צו לאזען א זכר צו די אפיקורסים און זייערע מעשים, מכש"כ

ומכש״כ די דאזיגע שפראך וואס איז ערפינדען און באנייט געווארען דורך מינים, און דער מקור קומט פון זייערע ביכער וועלכע זענען פול מיט מינות ואפיקורסות, איז מען דאך בודאי מחויב צו פארניכטען פון דער וועלט, בפרט אז דאס איז נאך ממשיך צו זייערע ביכער, ושאני מינות דמשכא.

ה־29

ובפרט אז ס׳איז פאראן אין דער שפראך גופא פארשידענע דברי מינות, און ווען איך בין געוועזן אין ארץ ישראל האב איך באוויזען אז פילע ווערטער וועלכע קיין שום אנדערן פירוש, נאר מיט דער כוונה לשם מינות ר״ל, און די מחשבה פון א מין , איז מסתמא לשם מינות, און ס׳איז קיין ספק נישט אז דער מחבר פון דער שפראך וועלכער איז געוועזן מושרש אין מינות, אז ער האט אריין געטון זיינע טמא׳נע געדאנקען, ער זאל אריין מישען אין די ווערטער דברי מינות, און א גרויסער פראפעסאר זייערער האט אפען געזאגט, אז די שפראך איז געמאכט געווארען כדי צו שטעכן מיט אים די פרומע.

אין אות כ״ד שרייבט ער, וזלה״ק, ובענין השינויים וכו׳, אין וואס איז שייך די ענדערונגען וואס מען מאכט אין לה״ק, שרייבט דער רבינו בחיי פ׳ וירא, אז דורך דעם וואס מ׳איז משנה א פת״ח בקמ״ץ איז פאראן גור צוויי וועגען, אדער מ׳צושטערט די כוונה פון ווארט, אדער ס׳ברענגט לידי כפירה וכו׳ וכו׳.

אין אות כ״ט שרייבט ער וועגען דעם חרם פון די גדולי ישראל אין די פריריגע דורות זי״ע, נישט צו לערנען קיינע פרעמדע לשונות אין די בתי ספר אין ירושלים עיה״ק, איז מאדאך פרעמדע לשונות וואס איז נישט אסור מצד הדין, האט מען גוזר געווען אויף זיי א מורא׳דיגען חרם, וואס קיין שום בית דין קען עם נישט מבטל זיין עד ביאת המשיח, מרש״ב די דאזיגע טמא׳נע לשון, וואס איז ממילא אסור באיסור חמור, ווייל ס׳איז דאס לשון פון די מינים, און ס׳איז אסור אויך אין חו״ל וואו ס׳איז נישט פאראן אזא חרם וכו׳ וכו׳.

ס׳איז פשוט אומעגליך איבער צו שרייבען אלעס וואס כ״ק מרן שליט״א שרייבט וועגען דעם שרעקליכען איסור אין זיין דערשאנטען מאמר, וואס איז א תורה שלימה, געשריבען בהתלהבות דקדושה, און דא קומט דער ״קנאות׳דיגער״ דער ״איד״ און שטאפט אן די מוחות פון בני תורה מיט דער דאזיגער טומאה ר״ל.

טייערע אידישע קינדער למען השם, לאזט אייך נישט פארפירען פון דעם דאזיגען בלעטעל, אין וועלכען מ׳האט זיך אריין געבאפט די סיטרא אחרא ר״ל, ווארפט אוועק די דאזיגע כפירה, ולא תשבון באהלך עולה.

ולהשומע ינעם ותבא עליו ברכה טוב.

תלמידי כ״ק מרן שליט״א ההולכים בשיטתו האמיתית.